# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

Vol. XIV No. 7 | 50 CENTS A YEAR | MARCH, 1932

## "I AM SO THANKFUL TO THE JEWS".

That is what a Christian lady wrote us recently. "I am so thankful to the Jews," she said, "because it was through them that I learned about the Lord Jesus Christ. It was through the Jews that I learned how my sins would be forgiven and I would have everlasting life. Thank God for the Jews!"

She of course referred to the fact that all the early believers in the Lord Jesus Christ were Jews. Peter was a Jew. And one day Peter preached a sermon, and when he was finished, 3,000 Jews became believers just as he was, that very same day.

And Paul was a Jew, and he traveled all over the known world to tell the Gentiles about the Lord Jesus Christ: and uncounted thousands upon thousands of Gentiles believed in our Messiah, the Lord Jesus Christ, and they also must have thanked God for the Jews. And strange to say, Paul received no money for what he did; on the contrary, he suffered untold persecution and trials. Just read for yourself his own report of some of his experiences:-

> "Of the Jews five times received I forty **stripes** save one. Thrice was I beaten with rods, once was I stoned, thrice I suffered shipwreck, a night and a day I have been in the deep; in journeyings often, in perils of robbers, in perils by mine own countrymen, in perils by the heathen, in perils in the city, in perils in the wilderness, in perils in the sea, in perils among false brethren; in weariness and painfulness, in watchings often, in hunger and thirst, in fastings often, in cold and nakedness. Beside those things that are without, that which cometh upon me daily, the care of all the churches."
>
> —II Cor. 11:24-28

And this, dear Jewish reader, brings us down to an important question we would like you to ask yourself:- How many Jewish Rabbis do you know who have denied themselves one single comfort, or one dollar's luxury, in order to be a help to others? How far have you or any Rabbi gone to tell others about God? Is there one soul living who can say "Thank God for you?" And yet, the only reason God called out our Jewish people to be His people, was that we should tell to the whole world that salvation is to be had through our Messiah, the Lord Jesus Christ. We read in our own Bible:-

> "And he said , It is a light thing that thou shouldest be my servant to raise up the tribes of Jacob, and to restore the preserved of Israel: I will also give thee for a light to the Gentiles, that thou mayest be my salvation unto the end of the earth." Isa. 49:6.

Have you been a light to the Gentiles? Why not? Has your Rabbi been a light to the Gentiles? Why not? Instead of being a light, oh how sad it is to see the Rabbis bringing **darkness**! They even deny the Bible. Instead of teaching the Bible in their so-called Temples, they talk about the latest Moving Picture, the most recent novel! Is that food for the Jewish soul? Of the Zionist movement, the late Jacob Schiff said, "From fifty to seventy-five percent of the so-called Jewish Nationalists are either atheists or agnostics, and the great majority of its leaders have absolutely no interest in the Jewish religion." What a tragedy!

And what an opportunity for the Jews to arise in their might, give themselves over to their Saviour and Messiah, humble and repentant; then to go out and tell the Gentiles all over the world that there is salvation, and hope, and peace, and eternal life, through our Jewish Messiah, the Lord Jesus Christ! A world filled with Gentiles is reeling madly to an unspeakably horrible destruction. War, war, war! This is all they know. Is it not time for Israel to awake, and to take the leadership, and lead this blind world to Him who alone is Peace, and the Prince of Peace, the Lord Jesus Christ? Then indeed, the world will say, "Thank God for the Jews!"

Dear Jewish Reader, God did not make you to run a clothing store; or to peddle from a pushcart. God made you to be a light to the Gentiles, and to show the way to everlasting life. But you cannot show them the way until you have first found it yourself.

What say you?

---

## A DRINK FROM THE FOUNTAIN

> "Whosoever drinketh of the water that I shall give him shall never thirst; but the water that I shall give him shall be in him a well of water springing up into everlasting life." John 4:14

There was a man of the Pharisees, named Nicodemus, a ruler of the Jews: The same came to Jesus by night, and said unto him, Rabbi, we know that thou art a teacher come from God: for no man can do these miracles that thou doest, except God be with him. Jesus answered and said unto him, Verily, verily, I say unto thee, Except a man be born again, he cannot see the kingdom of God. Nicodemus saith unto him, How can a man be born when he is old? can he enter the second time into his mother's womb, and be born? Jesus answered, Verily, verily, I say unto thee, Except a man be born of water and of the Spirit, he cannot enter into the kingdom of God. That which is born of the flesh is flesh; and that which is born of the Spirit is spirit. Marvel not that I said unto thee, Ye must be born again. The wind bloweth where it listeth, and thou hearest the sound thereof, but canst not tell whence it cometh, and whither it goeth: so is every one that is born of the Spirit. Nicodemus answered and said unto him How can these things be? Jesus answered and said unto him, Art thou a master of Israel, and knowest not these things? Verily, verily, I say unto thee, We speak that we do know, and testify that we have seen; and ye receive not our witness. If I have told you earthly things, and ye believe not, how shall ye believe, if I tell you of heavenly things? And no man hath ascended up to heaven, but he that came down from heaven, even the Son of man which is in heaven. And as Moses lifted up the serpent in the wilderness, even so must the Son of man be lifted up: That whosoever believeth in him should not perish, but have eternal life. For God so loved the world, that he gave his only begotten Son, that whosoever believeth in him should not perish, but have everlasting life. For God sent not his Son into the world to condemn the world; but that the world through him might be saved. John 3:1-17

**OUR HEADQUARTERS**



**BETH SAR SHALOM**

**Throop Avenue and Walton St.**

**Brooklyn, N. Y.**

**40 CTS. WORTH FOR 25 CTS.**

Send us 25c. in coin or Stamps and we will mail you a 40c New Testament in Hebrew, Yiddish or English.

Address:

THE SHEPHERD OF ISRAEL

27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

**Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**

## QUESTIONS AND ANSWERS

Readers are invited to send questions for this Column. Your question should be signed, but in no case will your name be made public; it will be kept in confidence, as evidence of your good faith.

**Question 16:** How do you know that the New Testament is true? No other history, excepting possibly the disputed statement of Josephus, contains any corroborative evidence.

**Answer.** No other history, aside from the Old Testament, contains the record of Creation as given in Genesis. And yet every Jew knows this is true. Or; the record of Jonah is found in no other history aside from the Old Testament; yet we know it is true. Modern archeology is making almost daily discoveries which prove with astonishing exactness the hitherto unsupported records of the Bible.

With regard to the New Testament, there are many infallible proofs of its truthfulness and dependability. But our limited space prevents a full array of the facts. One suggestion we might give here, and that has to do with what we may call the internal evidences As you read the several books of the New Testament, ask yourself the question, "What was the **motive** of the person who wrote the words I am reading?" Then apply your own common sense in arriving at the answer. In our own day, we know when a man writes a book, he may do it for money; or for fame; or, if he be a scientist, he may write for the enlightenment and help of mankind. And whatever the motive may be, it is easily discernible. Dickens wrote novels, none of which he claimed to be true. But his purpose was of course, first, to make a living, and second, perhaps to achieve fame as a writer of fiction. Karl Marx wrote for the purpose of persuading mankind to adopt a radically new method of government, and his motive was clearly to establish a new political party.

But what was the motive, for instance, of Matthew, the writer of the Gospel that bears his name? Fame? He certainly received no fame for what he did. On the contrary, he received shame and abuse. Money? Not a cent did he get for what he wrote. He suffered cruel persecution and according to the best records obtainable, final **martyrdom.** And there is no doubt that when he began to write the Gospel of Matthew, he knew full well that he would have to pay the price of the martyr. When then did he write the Gospel? There can be only one answer, for the intelligent and reasoning mind. He wrote it because he knew every word of it to be the truth. And he wrote it because he was under an inescapable command from God to do so. No man deliberately puts his neck into the hangman's noose, unless he be actuated by such an overpowering conviction that he gladly gives his life for it. And so it was with the writers of every book of the New Testament.

## OUR MISSIONS

**You can learn more fully about the Lord Jesus Christ, and secure additional copies of The Shepherd of Israel, as well as other interesting tracts and books, if you will inquire at any of our Stations, which are located as follows:**

**BROOKLYN, N. Y.**
BETH SAR SHALOM
27 THROOP AVE., COR. WALTON ST.

**PHILADELPHIA, PA.**
BETH SAR SHALOM
535 SPRUCE STREET

**PITTSBURGH, PA.**
BETH SAR SHALOM
1861 ROSE STREET

**DETROIT, MICHIGAN**
BETH SAR SHALOM
7709 OAKLAND AVE. AT CLAY

---

## אונזערע מיסיאנען:

**איהר קאנט מעהר לערנען וועגען דעם אמת אין ישוע המשיח ווי אויך בעקומען פארשידענע טראקטאטען און ביכער, ווען איהר וועט באזוכען א־ער שרייבען צו אונזערע פאלגענדע מיסיאנען:**

**ברוקלין, נ. י.**
בית שר שלום
27 טרופ עווענױ

**פילאדעלפיא, פא.**
בית שר שלום
535 ספרוס סטריט

**פיטסבורג, פא.**
בית שר שלום
1861 ראוז סטריט

**דעטראיט, מישיגען**
בית שר שלום
7709 אוקלענד עווע., ביי קלעי

---

נונג איבער איהם געהאט. קריסטליכע פאסטארען האבען איהם עפטער איינגעלאדען ער זאל קומען לעקטשורען צו זיי אין זייערע געבעט הייזער וואו ער האט זיי א היבש ביסעל מחיה געווען מיט זיינע דרשות און דארט האט ער אויך א היבש ביסעל "גענאשט" פון זייערע איבערצייגונגען און פון זייער גלויבען.

דער כבוד ווי אויך זיין הויכע פאזיציע האט איהם אבער לגמרי נישט געקאנט באפרידיגען. בעזאנדערס ווען זיין געליעבטע פרוי איז אזוי יונג אוועק געשטארבען האט ער אודאי קיין רוה און קיין פריערען מעהר געהאט אין לעבען. ער האט נעביך געזוכט אביסעלע נחמה, כאטש א י י ן טראפען אין זיין ביטערען כוס אריין צו באקומען, אבער געה זוך! כאטש נעם און שפרינג פון דאך...

אבער צו וואס נעמט זיך א איד אין אן עת צרה? צום תהלים'ל. און טאקע דארט אין דעם טייערען ספר'ל ווי אויך אין אנדערע ספרים פון הייליגען תנ"ך האט ער די נחמה געפונען וואס איז געווארען א באלזאם צו אלע זיינע וואונדען.

ער האט אויפגעגעבען זיין רבנות שטעלע וואס איז איהם נור געווען א הארב אויף'ן רוקען אבער קיין צופריעדענהייט איהם נישט געגעבען, און ער האט געפונען ישוע המשיח וועלכער איז דער בעסטער פריינד אין פריידען און חלילה אין ליידען. יא ישוע המשיח האט איהם זיין פארוואונדעט הערץ געהיילט און זיין פארוועלקטע נשמה דערקוויקט. ער האט געפונען ישוע המשיח אין תהלים'ל ווי אויך אין אנדערע טיילען פון תנ"ך און דאס איז שוין פאר איהם גענוג געווען.

לכתחילה איז איהם אביסעלע שווער אנגעקומען די לעהרע פון א דריי איינינקייט, ווייל ער איז תמיד געוואוינט געווען צו זאגען דעם "שמע ישראל ד' אלהנו ד' אחד", אין וועלכען דער דורכשניטליכער איד זעהט נור אן איין איינציגען גאט. זיי מאכען אבער א געוואלטיגען טעות ווייל "אחד" איז נישט "יחיד" און "יחיד" איז נישט "אחד". יחיד מיינט טאקע איינאיינציג, דא הייסט עס אבער "אחד", וועלכעס מיינט, פעראייניגט, א פעראייניגטע גאטהייט פון "ד' אלהנו ד'", אדער "אב בן ורוח הקודש".

אונזער גרויסער איד האט דאס באלד פערשטאנען און האט די אמונה אין ישוע המשיח באהערציגט און עפענטליך באקענט.

אזוי־נאך איז פון אן אונצופריעדענעם רב געווארען א גליקליכער תלמיד פון ישוע המשיח, וועלכער איז נאך עד היום א מיסיאנער, א געטרייער ערות פאר'ן אמת און משיח, ערצעהלענדיג אויך צו אנדערע די חסדי הבורא יתברך אין ישוע המשיח צו יעדען וואס גלויבט אין איהם, איד אדער קריסט. צום רב ווי צום אלטעגליכען איד. צום נגיד ווי צום ארבייטער. אלע ברויכען ישוע המשיח און אלע קענען נור דורך איהם האבען כפרת עונות און גליקליך זיין.

אונזער גרויסער איד געהט אויך זעהר אפט דרש'ענען צו די אומות העולם און דערמיט אויך דארט די גאולה אין ישוע המשיח צו ברינגען ער איז באמת דער מאדערנער מרדכי היהודי וועלכער איז א "דרש טוב לעמו ודבר שלום לכל זרעו", ער רעדט גוטס וועגען אידען און ער שאפט דערמיט א ליעבע צו אידען אין זייערע הערצער.

(By permission of the author and by Rev. H. Einspruch.)

## סאָוויעט אינקוויזיציע אויף אידען

דאָס טרויריגע שטיקעל נייעס אז אידען ווערען געפייניגט און געמאַרטערט אין רוסלאַנד, האָט זיך געהערט נאָך מיט צוויי מאָנאַט צוריק אָבער מ'האָט עפעס געצווייפעלט דרין און מ'האָט עס נישט געוואָלט גלויבען. איצט קומט אָבער דער באַריכט אז דער גוט בעקאַנטער דיכטער ח. נ. ביאַליק האָט באַשטעטיגט און פעסט געשטעלט אז צעהנדליגע טויזענטע אידען מאַכען איצט דורך אין סאָוויעט רוסלאַנד אַן ערגערע אינקוויזיציע ווי אידען זענען אַדורך אויסגעשטאַנען אַפילו אין שפּאַניען.

מר' ביאַליק האָט אויפגערודערט אַלע אידען אין ארץ ישראל אַז זיי זאָלען פּראָטעסטירען געגען דעם, און ער מיט'ן מאַיאָר פון תל אביב האָבען דאָס באַריכטעט צו ראַבי וויס אין ניו יאָרק ווי אויך צו אַנדערע אידישע פיהרער פון אַמעריקאַ אַז מ'זאָל אויך דאָ אין אַמעריקאַ פּראָטעסטירען דאַגעגען.

נור אַזוי ווי סאָוויעט האָט קיין מורא פאַר גאָט, וועלען זיי זיך דען אַסאַך דערשרעקען פאַר פּראָטעסטען וואָס אידען וועלען מאַכען? אַנו געהט און פּראָטעסטירט צו אַ כלב פאַרוואָס ער האָט אַ ביס געגעבען איינעם! אפילו אַ פיער־פיסיגער האָט אַמאָל מעהר בושה אַלס אַ צוויי־פיסיגער וועלכער האָט קיין מורא פאַר גאָט.

נעביך, ווי פיעל אידען וואָס האָבען פאַרלוירען אמונה אין גאָט, האָבען זיך אַם אַנפאַנג געפרייט מיט דער סאָוויעט רעגירונג און מיט טראָצקי אַלס איהר פיהרער. זיי האָבען פשוט געטאַנצט פאַר שמחה, באַשר. אידען וועלען האָבען דאָס גן עדן אין רוסלאַנד. אַט איצט קאָן מען שוין זעהן און פיהלען וואָסאַראַ גן עדן דאָס איז. עס איז פשוט פאַרקעהרט געוואָרען צו אַ ברענענדיג גיהנם, ר"ל.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, ווי אַלעס שלעכטע, אַלעס בעזעס נעמען אידען צו. מיט אַלעס מאַכט מען יד אחת, און מען באַצאָלט טאַקע טייער דאַפיר, נור צו ישוע המשיח וואָס איז דאָס בעסטע און דאָס הייליגסטע, ווילען אידען באין אופן זיך נישט צו־ריהרען. איז דאָס נישט אַ טראַגעדיע פאַר זיך זעלבסט!

מיר הערען נאָך אימער דאָס ביטערע געוויין פון ישוע המשיח דאַמאָלס אין ירושלים, זאָגענדיג: ירושלים ירושלים, וויפיעל מאָל האָב איך געוואָלט צוזאַם נעמען דיינע קינדער ווי אַ הין זאַמעלט איין איהרע עופה'לעך אונטער איהרע פליגעל און איהר האָט נישט געוואָלט". (מתתיהו כ"ג, 37) און אַזוי ווילען אידען נעביך נאָך היינט אויך נישט.

ס'איז אַ פאַקט, אַז אַלע מענשליכע פּראָיעקטען וואָס אידען האָבען אַראָפּטירט, האָבען זיך תמיד אויסגעלאָזט מיט אַ חלום. און נאָך אַלע טויזענטער יאָהרען אין וועלכע אידען האָבען געמאַכט איין טעות נאָכ'ן אַנדערען און האָבען באַגעגנט איין צרה נאָך דער אַנדערער אַזוי ווי דער נביא זאָגט "שבר על שבר", נאָך די אַלע אומגליקען ווילען אידען נאָך עד היום זיך נישט באַקעהרען צו זייער גאָט און צו זיין הייליגען משיח וועלכען גאָט האָט געשיקט צו זיין אונזער גואל צדק. אידען זענען דערמיט "על ד' ועל משיחו" מיט דעם וואָס זיי טרעטען מיט די פיס גאָט'ס ליעבע אין ישוע המשיח. "ווייל גאָט האָט די וועלט אַזוי געליעבט אַז ער האָט געגעבען זיין איינגעבוירענעם זוהן אויף דאָס אַלע וואָס גלויבען אין איהם זאָלען נישט פאַרלוירען געהן נייערט האָבען דאָס אייביגע לעבען."

---

אידישער צייטונג וואָס איז ערשינען אין ניו יאָרק. מיר גיבען דאָ אַן אויסצוג פון אַ טעגליכער

## מיט וואָס אַ ראַבּיי קאָרמעט זיינע צאָן קדשים

ווערטהער רעדאַקטאָר:

בייליגענד וועט איהר געפינען איין אויס־שניט פון אונזער טעגליכער צייטונג, וואו עס ווערט אַנאָנסירט אַלע נייעס פון טאָג, און וואו איהר וועט זעהן ווי ווייט אונזערע קאַלוואַריער דייטשען, די טעמפּעל אידען האָבען זיך אַרויפ־געאַרבייט, דאָס מען וועט שוין לייענען די פּרשה פרייטאַג צו נאַכט אַנשטאָט "שבת". נאָר דאָס איז נאָך ניט אַלעס. דער ווירדיגער ראַבּאַי אַלצבערג, וועט ערקלעהרען אין 4טען המשך ווי אַזוי קריסטענטום איז געבוירען גע־וואָרען און פאַר וואָס יעדער רעכטדענקענדער מענש מוז זיין איינפערשטאַנען מיט דעם "גלויבען". הימעל שרייענד, ווי אַזוי קענען מיר שרייען אויף די מיסיאָנערען וואָס זוכען צו כאַפּען אַ פּאָר אָפּגעשלאָגענע הושענות, ווען דאָ ווערט פאַרפיהרט דאָס גאַנצע הויז געזינד מיט הכל בכל גאָר אָהן אַ קרעכץ?

לוי קליינערמאַן,

ווען דער שרייבער פון יענעם אַרטיקעל וואָלט געפיהלט דעם שמערץ וואָס כל ישראל מיט איהם צוזאַם מוזען ליידען צוליעב זייערע זינד, און זיי לאָזען נישט אַז ישוע המשיח זאָל פאַר זיי ליידען און טראָגען, אַזוי ווי עס הייסט אין ישעיה נ"ג: "וד' הפגיע בו את עון כלנו", און אידען מוזען דערפאַר אַליין ליידען פאַר זייער־ע זינד, יאָ ווען דער שרייבער פון יענעם אַרטיקעל וואָלט דאָס נור פערשטאַנען און געוואוסט, וואָלט ער נישט אַזוי אונ'רחמנות'דיג אַרונטער געריסען און געזידעלט יענעם ראַבּי, זאָג־דערן ער וואָלט געוועזן פון די ערשטע צו לויפען צו ישוע המשיח אַז ער זאָל אויך זיינע זינד טראָגען און דערמיט איהם פריי מאַכען פון אַלע ליידען און שמערץ.

און נאָך עפּעס: וואָסאַראַ גרויסען חטא איז יענער ראַבּי גאָר בעגאַנגען מיט דעם וואָס ער האָט געלייענט פון דער תורה פרייטאַג נאַכט אַמשטאָט שבת פריה? איז דען אַ חילוק צו מ'לייענט די תורה ביי טאָג אָדער ביי נאַכט? האָט דען אונז נישט גאָט געבאָטען „ודברת בם... בשכבך ובקומך„ (דברים ו' 7) וויאַ אויך "והגית בו יומם ולילה„! (יהושע א' 8) פאַרוואָס זאָלען זיי נישט בעסער קריטיקירען די מאַסע אידען וואָס לערנען לגמרי גאָר נישט די תורה, נישט ביי טאָג און נישט ביי נאַכט? אָבער דאָס פערשווייגט מען. אוי לאותה בושה.

---

## גרויסע אידען

מיר שטעלען דאָ דאָס בילד און ביאָגראַפיע פון דעם גרויסען איד, רעוו. דר. מאַקס ווערט־היימער, עקס ראַבּי.

דר. ווערטהיימער איז געבוירען און אויפגע־צויגען געוואָרען אין קיפּענהיים, דייטשלאַנד, ביי



פרומע אידישע עלטערן. אין זיינע קינדער יאָהרען האָט ער געלערענט ביי מלמדים וועלכע האָבען איהם געגעבען אַ גוטע התחלה אין זיינע למודים. ווען ער איז אַלט געווען 12 יאָהר זעהען מיר איהם שוין אין "עטענהיימער" גימנאַזיאום וואו ער האָט פינף יאָהר צייט שטודירט לאַטיין, פראַנצויזיש, ענגליש, באָטאַניק, זאָאָלאָגי, פיזיק, כעמיסטרי, אַלגעבראַ, געאָמעטרי, היסטאָריע, אז"וו און אין אַלע דיעזע למודים האָט ער זיך אויסגעצייכענט על צד היותר טוב און ער האָט דערביי אויך זיין אידישקייט שטאַרק אָבגעהיטען. ער האָט יעדען טאָג געלעגט תפילין, אָבגעהיטען שבת אד"ג.

צוליעב אונבעוואוסטע סיבות איז אונזער גרויסער איד שפּעטער געקומען נאָך אַמעריקאַ, איז באַלד פאַרפאָהרען נאָך באָפאַלוי און באַלד דעם ערשטען פרייטאַג אָבענד זעהען מיר איהם אין אידישען טעמפּעל וואו דר' פאַלק איז געווען ראַבּי. נאָך איניגע באַזוכען אין יענעם טעמפּעל און נאָך אַ גוטע בעקאַנטשאַפט מיט יענעם ראַבּי איז ער אויף דעם ראַבּיס רעקאָמענדאַציע אַוועק נאָך דעם היברו יוניאָן קאָלעדזש אין סינסינאַטי, אָהייאָ, וואו דר' אייזיק מ. וויס איז געווען פּרעזידענט. דאָרט האָט ער אין אַכט יאָהר צייט דורכגעמאַכט דעם גאַנצען ראַבּינער קורס.

אין יענעם סעמינאַר האָט אונזער גרויסער איד פלייסיג געלערענט גמרא און מפורשים ווי אויך דאָס תנ"ך. (דאַמאַלס האָבען די רעפאָרם רבנים נאָך בעדאַרפט זיין שטאַרק געלערענט כדי צו האָבען מיט וואָס צום טיש צו געהן).

דאָרט אין דעם אוניווערזיטעט האָט ער זיך אויך שטאַרק גענומען צו "פילאָזאָפיע" און האָט זיך אויך אויף דעם געביעט שטאַרק אויסגעצייכענט. און אַזוי־נאָך זעהען מיר איהם שפּעטער אַרויס קומען אי אַלס ראַבּינער און אי אַלס דר' פילאָזאָפיע.

געוועהנליך האָט מען אַזאַ גאון נישט לאַנג געלאָזט אָהן אַ רבנות שטעלע, די חברה בני ישורין פון דעיטאָן, אָהייאָ האָט איהם איינגעלאַדען זייער גייסטיגער מנהיג צו ווערען. ער האָט אויך דאָרט חתונה געהאַט און מיט גרויס כבוד דאָרט געזעסען על כסאַ הרבנות גאַנצע צעהן יאָהר.

נישט נור אַליין האָט איהם זיין געמיינדע גרויס כבוד געגעבען נייערט אַלע אידען אין דעיטאָן האָבען איהם רעספּעקטירט, יאָ אַפילו די אומות העולם פון יענער שטאָדט האָבען אויך אַ זעהר געהויבענע מיי־

# THE SHEPHERD ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

# רעה ישראל

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח.

Vol. XIV No. 7 — 50 CENTS A YEAR — MARCH, 1932


## פורים און דער גראגער

די פייערונג פון יו"ט פורים האט אזא וואונדערבארע בעדייטונג אז עס איז פשוט צו שטוינען וואס אידען קאנען נישט בעגרייפען און באהערציגען די כונות וואס זענען איינגעוויקעלט דערין און אין דעם ספר מגלת אסתר.

פורים ברינגט צו אונז דעם נאבעלען כאראקטער פון א "זיך זעלבסט פארגעסענהייט און אויפאפפערונג לטובת הכלל". ד"ה, צו זיין אלטרואיסטיק, אבער קיינעם פאלס זעלבסט זיכטיג.

מיר לעזען דארט אין דער מגלה ווי אסתר המלכה האט איהר לעבען איינגעשטעלט ווען זי איז געגאנגען צום מלך אחשורש אום צו בעטען פאר איהר פאלק ישראל. זי זאגט צו איהם: "כי איככה אוכל וראיתי ברעה אשר ימצא את עמי ואיככה אוכל וראיתי באבדן מולדתי". (מגלת אסתר ח) ד"ה, וויאזוי קאן איך צוזעהן ווי מיין פאלק וועט פארלוירען געהן.

ווען מ'לייענט די מגלה נור אויבען־אויף קאן מען גארנישט משיג זיין דעם טיעפען קרעכץ וואס האט זיך ארויסגעריסען פון דעם פארוועהטאגטען אסתר־הערץ וועגען איהר פאלק ישראל. אסתר האט פאראויס געזעהן א פיעל גרעסערען פארלוסט ווי נור אליין אז מ'וועט חלילה אלע אידען פון פערזיען אויס'הרג'ענען, ווייל דאס וואלט דאך נישט מיינען "אבדן מולדתי", וועלכעס מיינט אז דער גאנצער אידישער שטאם וועט חלילה פארלוירען געהן. דאס וואלט דאך לחלוטין נישט געווען דער פאל, ווייל עס זענען דאך דאמאלס געווען איבער 60,000 אידען אין ארץ ישראל וועלכע האבען שוין געהאט געלעגט דעם פונדאמענט צום בית המקדש, און זיי וואלטען דאך אין דעם פערזיען אידישען פערלוסט נישט געווען געליטען.

אסתר המלכה האט אבער דורך'ן רוח הקודש א פיעל טיפערען בליק געהאט. נעמליך, זי האט מורא געהאט אז אידען זאלען נישט חלילה פארלוירען געהן אין זייערע זינד וועלכעס וואלט כולל זיין דעם גאנצען כלל ישראל, ווייל אלע האבען געזינדיגט און אלע זענען דורך די זינד אבגעשידען פון גאט ב"ה אזוי ווי עס הייסט אין ישעיה נ"ט, 2: "כי אם עונותיכם היו מבדלים בינכם לבין אלהיכם".

דער רוח הקודש האט דאס מרמז געווען צו אסתר'ן און איהר מודיע געווען אז נור דאס אויפאפפערונג פון א יחיד, ישוע המשיח, קאן ברענגען די ישועה פאר כל ישראל. דאס האט איהר בעגייסטערט און איהר באוואויגען צו מאכען איהר אייגענע אויפאפפערונג לטובת הכלל כדי מיט דעם צו געבען א רמז אויף ישוע המשיח וואס וועט קומען און ווערען דאס קרבן פאר'ן כלל ישראל כדי די אידישע גאולה צו ברינגען. וכך הוה, ישוע המשיח איז טאקע שפעטער געקומען נאך ירושלים און האט זיך מוסר נפש געווען לטובת הכלל. אזוי נאך איז ערפילט געווארען „לכלא הפשע ולחתם חטאת ולכפר עון ולהביא צדק עולמים". (דניאל ט').

אט דאס איז דער תמצית פון דער מגילה און דאס דארף זיין דער עיקר פון פורים אבער נישט דאס עסען און טרינקען און אלע אנדערע הבלי הבלים וואס אידען טהון אום פורים.

אט האבען אידען עפעס א מנהג צו לאזען די קינדער גראגערן אום פורים וועלכעס האט לחלוטין קיין שום שייכות נישט צו פורים און נישט צו דער מגלה. עס איז נירגענד נישט פאראן קיין רמז פון א גראגער! טא ווי נעמט זיך דאס צו אידען? נאר דאס האט אויך א טיעפע מיינונג.

דער גראגער איז ביי אידען אדאפטירט געווארען שפעטער נאך דעם ווי ישוע המשיח איז שוין געקרייציגט געווארען און איז אויפגעשטאנען תחית המתים און איז ארויף צום הימעל. נאכדעם ווי דאס בית המקדש איז שוין חרוב ונחרב געווארען. אידען האבען אפנים איינגעזעהן זייער גרויסען טעות וואס זיי האבען געמאכט מיט דעם פערווארפען דעם ישוע המשיח, האבען זיי דעם גראגער אדאפטירט ביים לייענען אין די מגלה וועגען אסתר'ס אויפאפפערן זיך לטובת הכלל וועלכעס האט זיי אהין געוויזען צו ישוע המשיח וועלכער האט זיך ממש אויפגעאפפערט פאר כל ישראל, און מיט דעם גראגער האבען זיי פראטעסטירט נעגען זייער אייגענע מעשים תעתועים בנוגע ישוע המשיח. זיי האבען מיט דעם גראגער אהין געוויזען צו ישוע המשיח אז ער איז דער עיקר.

דער פאלגענדער אינצידענט וועט אילוסטרירען און מעהר ליכט ווארפען אויף דעם גאנצען ענין.

א דיריגענד פון א געוויסע קאפעלע מוזיק אזוי שפילענדיג האט עפעס פלוצלינג דערפיהלט אז עס פעהלט עפעס צו דער הארמאניע פון דער מוזיק וואס ער שפיעלט מיט זיין גרויסען ארקעסטער וואס ער דיריגירט. דער עולם האט נישט באמערקט אז עפעס פעהלט דארט; אבער פלוצים האט דער עולם באמערקט ווי דער דיריגענד טייטעלט צו איינעם פון די מוזיקאנטען וועלכער האט פארפעהלט א דרעה צו טהון מיט'ן קליינעם גראגער צו דער צייט ווען דער דיריגענד האט ערווארטעט. אט דאס האט געפעהלט. ביים עולם איז דאס גראגערל כמעט גארנישט, דער גרויסער דיריגענד האט אבער געוואוסט אז אהן דעם גראגער פעהלט די הארמאניע און ער האט עס באלד באמערקט.

אזוי האט אויך אונזער גרויסער דיריגענד, דער ליעבער גאט, אונז צו פארשטעהן געגעבען אז אהן ישוע המשיח טויג אלעם אויף כפרות. אידען מיינען אז ישוע המשיח איז אן איבריגע זאך, אבער אין אמת'ן קאנען מיר אהן איהם גאר נישט אויפטון. (יוחנן ט"ו).

דערפאר האבען אידען דאמאלס—באוואוסטזיניג, מיט א כונה, געמאכט דעם מנהג אז די קינדער זאלען גראגערן כדי צו עראינערן יעדען איד דעם דרך פון בורא עולם אז ער וויל דעם גראגער אין זיין ארקעסטער, ישוע צווישען אידען, וועלכער קאן ברענגען די פאלקאמענע הארמאניע צווישען אידען, אבער אהן איהם קאן מען גאר נישט אויפטהון.

א ביישפיעל:

נאך קיינמאל אין לאנגען גלות האבען אידען נישט ארויסגעוויזען אזוי פיעל אקטיוויטעט ווי די איצטיגע אידען אין אמעריקא. ס'האבען זיך געפארמירט קאמיטעטען און קאמיטעטלעך. גרויסע וויכטיגע ענינים ווערען געבראכט אויפ'ן טאגעס ארדנונג. ארץ ישראל'דיגע און חוץ לארץ'דיגע ענינים. דרייוס, רעליעפס, אבי נור די אידישע גאולה צו ברינגען, און דאך וואקסט דער אידישער בראך תמיד גרעסער און גרעסער. מ'מאכט טאקע גרויסע אסיפות און באנקעטען וואו מ'שמועסט און מען דיסקוטירט, אבער בין כך און בין כך איז די סכנות נפשות אזוי גרוים צווישען אידען אין רומעניען, רוסלאנד, פוילען, און אנדערע לענדער אז ד' ירחם.

און פארוואס איז דאס אזוי?

ווייל—באמת עס איז טאקע דא אסאך רבנים מגידים עצה געבערס און כל'ערליי עסקנים, עס פעהלט אבער דאס קליינע גראגערל, נעמליך ישוע המשיח וואס אידען מיינען אז ער איז נאר א טפל, ער איז אבער אין אמת'ן דער עיקר.

דער גרויסער דיריגענד טייטעלט מיט זיין פינגער און זאגט אז אידען זאלען גלויבען אין ישוע המשיח, (לוקס ט, 35) ווייל אהן איהם קאנען אידען גארנישט אויפטהון.


Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927
Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y